STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06686

KAMTSO UN BAR KAMTSO

Israel Goichberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קמצא
און
בר קמצא

פון

י. גויכבערג

האָלצשניטן
פון
נטע קאָזלאָווסקי

ניו־יאָרק
1931

פאַרלאַג
מתנות

Copyright, 1931
by
ISRAEL GOICHBERG
New York, N. Y.

Myold Printing Co., Inc.
161 Grand Street, New York

אקמצא ובר קמצא
חריב ירושלם.

דאָס איז אַ טרויעריקע מעשה,
פון ווייטע אַלטע דורות שטאַמט זי,
אַ מעשה פון צוויי לייט, וואָס האָבן
געהייסן קַמצא און בַּר־קַמצא.
און פון ביטערן געראַנגל,
און פון פרייהייט־קאַמף אַ שווערן.
נאָר צו וואָס דעם וועג פאַרלויפן?
נייגט דעם אויער, וועט איר הערן.

א

שטאָלץ און מעכטיק שטייט דער פּאַלאַץ
פון יהושע בן גמלא,
אויף צעפּוקעניש די שונאים,
אויף באַוואונדערונג פון אַלע.
און מע פּראַוועט אין דעם פּאַלאַץ
היינט די גרויסע רייכע סעודה —
יהושע בן גמלא
ווערט היינט כהן פון יהודה.

יאָ, ער ווערט היינט העכסטער כהן
נאָך מחלוקת און געשלעגן,
טראָגט די קרוין פון כהן גדול
מיט דער הילף פון ווייבס פאַרמעגן.

איז אַ וואונדער וואָס די שמחה
קוועלט אַרויס פון אַלע ווינקלען?
וואָס דער בליק פון יונגן כהן
טוט מיט זיג און חדוה פינקלען?
איבער טעפּיכער פון סאַמעט,
אויסגעשפּרייט אין בונטע פּאַסן,
פונם טעמפּל ביזן פּאַלאַץ
פירט מען מָרתאן איבער גאַסן.

שיינט אַרום די איידעלע מרתא
מיטן ליכט פון זונען זיבן,
נישט אומזיסט האָט יהושע
פאַר אַ ווייב זי אויסגעקליבן.

זיצן געסט אַרום די טישן:
פיל חכמים, און למדנים
און די זילבער־ווייסע זקנים —
חכמה, תורה און הדרת פנים.
עסט מען, טרינקט מען און מע פרייט זיך,
גיסט זיך וויין און ס׳קלינגען בעכער,
שפילן פריילאך די קלעזמאָרים,
קלינגען צימבלען הויך און העכער.



ב

און אַז אויפגעלייגט פון טרינקען
האָט דער עולם זיך צעהוליעט,
האָט א ריקודל אַ ווילדער
איבער זאַלן זיך צעקוליעט.
האָט יהושע זיך צעוואָרעמט
און געשיקט אַ רייטער יאָגן
צו זיין אַלטן חבר קַמצאן
מיט באַפעל אזוי צו זאָגן:

„ס׳איז בײַ מיר אַ גרויסע שמחה,
ס׳טוט די פרייד מיט שטראָמען פליסן,
קום מיט מיר מײַן נחת טײלן,
קום מײַן שפּײַז און װײַן געניסן.“

צי איז דער רײַטער טויב געװעזן,
צי ער האָט אים שלעכט פֿאַרשטאַנען,
אַז עס דאַרף אַן אומגליק טרעפֿן,
װײסט ניט קײנער װי, פֿון װאַנען.
װי אַ שטורם פֿליט דער רײַטער,
שפּרינגען מײַלן אים אַנטקעגן,
נאָר דער אומגליק האַלט דאָס צײמל
און ער פֿירט אויף פֿאַלשע װעגן.

ניִשט צו קַמצאַן פֿליט דער רײַטער,
יאָגט דאָס פֿלינקע פֿערד דאָס ברוינע,
צו אַ צווייטן — צו בּר־קַמצאַן,
צו יהושעס ערגסטן שונא.

צו בר־קמצאַן קומט דער רײַטער,
און ער ברענגט זײַן גרוס צו טראָגן:
„ס'האָט מײַן גוטער האַר יהושע
מיך געשיקט אַזוי צו זאָגן:
ס'איז בײַ מיר אַ גרויסע שמחה,
ס'טוט די פֿרייד מיט שטראָמען פֿליסן,
קום מיט מיר מײַן נחת טיילן,
קום מײַן שפּייז און ווײַן געניסן."

שטוינט בַר־קַמצא: איז דאָס מעגלאך?
טוט מיין אויער ריכטיק הערן?
וויל יהושע האָס פאַרגעסן?
וויל ער ווידער חבר ווערן?

אויב זיין האַרץ איז ווייך געוואָרן,
טרעפט ער אָרעמס פון אַ חבר.
לאָמירביידע האָס פאַרגעסן,
אָפּווישן דעם אַלטן זשאַווער.

ג

שנעל געזאַטלט האָט בר־קמצא
און אין וועג זיך גלייך געלאָזן,
דאַכט זיך אים, אַז ביימער שמייכלען
און מיט פריינטשאַפט שעפּטשען גראָזן.
מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן
איז בר־קמצא אָנגעקומען,
שוין פון ווייטן האָט זיין אויער
זיסן צימבל־קלאַנג פאַרנומען.

מיט אַ ברייט צעשטראַלטן פּנים
איז בר־קמצא צוגעלאָפן,
מיט אַ וואָלקן אויף די ברעמען
האָט יהושע אים געטראָפן:

דו, בר־קמצא, שונא מיינער!
ווי קומסטו מיט אונדז צוזאַמען?
ווילסט די שמחה מיר צעשטערן?
ווילסט די פרייד אין האַרץ פאַרסמען?
— ניין, יהושע, דיין שליח
האָט מיך היינט צו דיר פאַרבעטן,
אַנדערש וואָלט איך ניט געקומען
אויף דיין פּאַלאַץ־שוועל צו טרעטן.

— באַלד זאָלסטו מיין הויז פאַרלאָזן,
נעם דיין פערד און גיי פון דאַנען!
נישט דערוועגן זאָל דיין פוסטריט
אויף מיין שוועל אַרויפצושפּאַנען.

— הער, יהושע, כ'וועל באַצאָלן
יעדן טרונק און יעדן ביסן.
— ניט באַ מיר אין הויז, בר־קמצא,
וועט מיין שונא וואָס געניסן.
— וועל איך פאַר אַ האַלבער סעודה
פול דעם פרייז אין גאָלד דיר געבן.
— דאָס וועט קיינמאָל ניט פּאַסירן,
אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן.

— איך באַצאָל די גאַנצע סעודה!
נאָר פאַרשעם מיר ניט מיין פנים
אין די אויגן פון חכמים,
אין די אויגן פון למדנים.

— שוין אַרויס זאָלסטו פון דאַנען!
קאָנסט קיין רגע מער ניט בלייבן,
צי דו וואַרטסט, דו שונא מיינער,
כ'זאָל מיט בייטשן דיך פאַרטרייבן?

שוואַרצע חרפה שוועבט אין פאַלאַץ,
בלייכע זיצן די זקנים,
נאָר קיין מוטיק וואָרט קיין מענטשלאַכס
רייסט זיך ניט אַרויס פון קיינעם.

און בר־קמצא איז געגאַנגען
מיט'ן קאָפּ צו דר'ערד געבויגן,
און אַ טרער ווי בליי צעשמאָלצנס
האָט געטריפט פון זיינע אויגן.

און בר־קמצא האָט געטענהט:
אויב חכמים און למדנים
קאָנען זיצן, קאָנען הערן,
ווי מע שוואַרצט אַ מענטשנס פּנים
ווי מע צאַפּט דאָס בלוט פון האַרצן,
און קיין איינער זאָל ניט שטערן!
אַזאַ פאָלק פאַרדינט דעם שטעקן,
אַזאַ לאַנד מוז חרוב ווערן.

ד

אין אַ פּויסט געשמידט פון אייזן
ליגט יהודה אַ פאַרדריקטע,
אונטער יאָך פון רוימס ממשלה
רייסן קרעכצן זיך פאַרשטיקטע.
און דער בייזער קיסר נירון
זיצט און וואַרט און איז צופרידן:
זאָל נאָר ווער אַ מסירה ברענגען,
נאָר אַ שעפּטשע אויף די אידן.

זאָל אַ פונק נאָר פון מרידה
זיך באַווייזן אויף די גאַסן —
און זיין שאַרפע שווערד וועט פאַלן
און וועט שניידן, שינדן פאַסן.

שיכורט נירון אין זיין פּאַלאַץ
מיט די געסט און גענעראַלן,
טאַנצן יונגע ברוינע שקלאַפינס
אין די רחבותדיקע זאַלן.
פלוצלונג לויפט אַריין דער דינער
און ער בוקט זיך אונטערטעניק
צו די פיס פון קיסר נירון,
און ער ברענגט באַריכט צום קעניג:

גרויסער קעניג, באַ דעם טויער
איז אַ רייטער אָנגעלאָפן,
— קומען קומט ער פון יהודה
עפּעס וויכטיקס האָט געטראָפן.
— לאָז אַריין דעם רייטער שנעלער,
לאָמיך וויסן, לאָמיך הערן,
וואָס פאַר נייעס פון יהודה
קומט מיין שמחה מיר צעשטערן.

באַ דעם טראָן פון קיסר נירון
מיט הכנעהדיקער מינע
שטייט בַר־קַמצא, און אין האַרצן
נאָגט אַ שלאַנג אַ גיפטיק גרינע...

„גרויסער קיסר פון קיסרים!
כ'בין געקומען דיר דערציילן,
אַז עס ברענט אַ רויטער אויפשטאַנד
אין יהודהס טונקעלע היילן.
און עס וואַקסט און שטייגט דער צאָרן
קעגן רוים און קיסר נירון,
טאָרסט ניט אָפּלייגן און וואַרטן,
טאָרסט קיין רגע ניט פאַרלירן."

— איה, דיין מעלדונג איז געפערלאך,
ס'איז אַ זאַך פון טויט און לעבן,
קאָנסטו מיר דערפאַר קאַווירן?
קאָנסטו מיר באַווייזן געבן?

— זאָל מיין האַר אַ קרבן שיקן
אין דעם טעמפּל פון די אידן,
זאָלן זיי דעם קרבן ברענגען
פאַר דיין כבוד און פאַר פרידן.
איז דער קרבן דיר באַוויליקט —
מיינט — דאָס פאָלק איז אונטערטעניק,
טאָמער ניט — דאַן איז מיין מעלדונג,
צום באַדויער, אמת, קעניג.

— איה, געזאָגט און געפאָרן!
וועסט נאָך היינט דעם קרבן טראָגן,
ס'פעטסטע רינד פון קעניגס שטאַלן,
ס'בעסטע קאַלב, וואָס מיר פאַרמאָגן.

ווי אַ וויכער פּליט בר־קמצא
פֿון נקמה־בייטש געטריבן,
יאָ, דאָס בעסטע פֿון די רינדער
האָט דער קיסר אויסגעקליבן.
שיין און גאַנץ אויף אַלע אברים
האָט בר־קמצא דאָס באַקומען,
נאָר מיט ליפּ אויף האַלב צעשפּאָלטן
וועט דאָס קאַלב צום כהן קומען.
זאָל ער שעכטן אַזאַ קרבן
מיט אַ מום, וואָס רייסט די אויגן,
קלוגער כהן, קלייב דיר אויסעט:
שאַנד פֿון גאָט, צי רוימערס בויגן!

ה

פון יהודה ביזן גליל
ציען וואָלקנס שווער און שווערער,
פאָלקס געדולד האָט אויסגעשעפּט זיך,
ס'קאָן דער מענטש ניט ליידן מערער.
יעדער רוימישער פאַרטרעטער,
יעדער נייער פּראָקוראַטאָר —
ווי אַ הונגעריקע פּיאַווקע
זויגט, און זויגט און ווערט ניט זאַטער.

אויף די גאַסן, אויף די ראָגן
קאַכט און הערט ניט אויף צו זידן:
אויסגעלאַכט און אויסגעחוזקט
האָט זיך פּלאָרום פון די אידן.
אויסגערויבט דעם טעמפּלס אוצרות,
זיך געטאַפּטשעט אויף געפילן,
און אין טייכן בלוט פאַרטרונקען
יעדן פונק פון פרייען ווילן.
וואַקסט די גרופּע פון קַנאָים —
די פּאַרטיי פון פאָלקס באַפרייער,
פלאַקערט אויף און ס'שטייגט אַלץ העכער
אין דעם פאָלק אַ רוף אַ נייער:

טויט — דעם רוימער! טויט — דעם רוימער!
ווי אַ פאַקל אויף אַ טורם
רופט ער אויף דאָס פאָלק צום אויפשטאַנד,
און עס וואַקסט און וואַקסט דער שטורם.

ו

אין דעם מקדש זיצט סנהדרין —
העכסטער בית-דין פון די אידן,
אויף איין וואָגשאָל הענגט מלחמה,
אויף דער צווייטער הענגט דער פרידן.
פלאַמען אויגן אויפגערעגטע,
ווי אַ האָגל פאַלן ווערטער,
יעדע רגע שפּרינגען מענטשן
אויף דערצאָרנט פון די ערטער.

אַט שטייט אויף דער כהן־גדול —
און ־ אַנטשוויגן ווערן אַלע,
און עס קלינגט די שטאָלצע שטימע
פון יהושע בן גמלא:
„ביז ווי לאַנג נאָך וועט סנהדרין
די קנאָים־רייד פאַרטראָגן ?
איז סנהדרין ניט בכוח
זיין אַנטשידן וואָרט צו זאָגן ?
וואָס באמת אַרט די היץ־קעפּ,
אַז דאָס לאַנד וועט חרוב ווערן ?
אַז די שווערע האַנט פון נירון
וועט מיין האָב און גוטס צעשטערן ?

וואָס פאַרלירן דען די שלעפּערס,

אָט די באָרוועסע קבצנים?

זעט איר דען ניט ווער עס זענען

אידנס ערגסטע שוואַרצסטע שונאים?

רואיק מוז יהודה בלייבן,

ניט קיין אויפשטאַנד דאַרפן אידן,

בויגט דעם קאָפּ און ברענגט דעם קרבן

פאַרן קיסר און פאַר פרידן."

ווי אַ לייב אַן אויפגערייצטער,

אויפגעשפּרונגען איז מיט צאָרן

אליעזר בן חנניה —

און אַרום איז שטיל געוואָרן:

„וואָלט דער קרבן פונ'ם קיסר
גאַנץ געווען אויף אַלע גלידער,
וואָלט אויך דאַן דאָס קאַלב פון רוימער
אַלץ געבליבן אונדז דערווידער!

ניין ניט בויגן זיך און קניען
וועט יהודה פאַרן קיסר,
זאָל דער צאָרן זיך צעברענען
צווישן פאָלק אַלץ שטאַרקער, הייסער.
יאָ, מיר ווייסן, ווער עס זענען
איצט די שונאים פון די אידן,
די וואָס קויפן זייער וואוילטאָג
פאַרן פרייז פון קנעכטיש פרידן.

וואָס זשע ציטערסטו, יהושע,
פאַר דיין פעל און דיין פאַרמעגן ?
ווילסטו אונדזער לאַנד און פרייהיים
מקריב זיין פון דיינעט וועגן ?
זאָל נאָר עמיץ זיך דערוועגן
אונדזער אויפשטאַנד צו פאַרראַטן —
מיטן קאָפּ וועט ער באַצאָלן
פאַר די מיאוסע פאַלשע טאַטן.



ז

נישט באַוויליקט איז דער קרבן,
ס'האָט די שווערע שעה געשלאָגן
ווי אַ בליץ צום קיסרס אויער
האָט די נייעס זיך דערטראָגן:
אויפגעשטאַנען איז יהודה
אויפן רוף פון די זעלאָטן, *
רוימערס וואך פון שלאָס אַנטאָניאַ —
ביזן לעצטן אויסגעראָטן.

* זעלאָטן מיינט קנאָים.

דאָך עס האָפּט נאָך אַלץ אויף חסד
בן גמַלאַם צד פון שלום.
און ער גרייט זיין שאַרפן מעסער
פאַרן האַרץ פון פרייהייט־חלום.
לויפן פינצטערע שילוחים
פול מיט סודותדיקע בליקן —
זיך געשטעלט צו דינסט דעם רוימער,
גרייט דעם אויפשטאַנד צו דערשטיקן.

ווי אַ שטראָם פון הייסער לאַווע
פליסן נירונס לעגיאָנען
איבער גָלילס שטעט און דערפער
מיט פאַרוויסטונג אויף די פאָנען.

פאַלט אַ פעסטונג נאָך אַ פעסטונג,
עס פאַרראַטן גענעראַלן,
נאָר דער שטאָלצער רוף צו פרייהייט
הערט ניט אויף אין פאָלק צו שאַלן.

ענג און ענגער שליסט דער רוימער
איין די שטאָט ירושלים,
וואו דאָס בעסטע פון יהודה
גרייט זיך צו אַ קאַמף אַ נייעם.
פון יהודה, און פון גליל
און פון יעדן קלענסטן ישוב
— אויפגעהויבן האָט דאָס פאָלק זיך
עפּעס נאָר ווי דורך אַ כישוף.

און עם פליסן שטראָמען מענטשן
אין דער הויפּטשטאָט ווי די בינען,
גרייט צו קעמפן, גרייט צו שטאַרבן,
גרייט די פרייהייט צו געווינען.
ווּעמענס מוט וואָלט ניט געשטיגן,
ווּעמענס האַרץ קען פילן מורא
מיט אַ העלד, וואָס האָט קיין גלייכן —
מיט אַ שמעון בר גיורא?

ווּעמען וואָלט דען נישט באַגייסטערט
אָט דער קעמפער דער געטרייער —
יוחנן פון שטאָט גוש חלב,
מיט אַ האַרץ פון פלאַם און פייער?

שטייען פעסטונגען ווי פעלזן,
איינע פון דער צווייטער העכער,
סאַרא קראַפט וועט דאָס באַווייזן
אין אַזוינס צו מאַכן לעכער?
דאָך, מע הערט ניט אויף צו בויען,
און צו פעסטיקן און שמידן,
ס'איז דער לעצטער שטראַל פון האָפנונג,
ס'איז דער גורל פון די אידן.

ח

שוואַרצע נאַכט. עס האָט דער שטורם
ווי אַ הונט זיך אָפּגעריסן,
און געהאַווקעט, און געדונערט
און מיט רעגן־בייטש געשמיסן.
שוואַרצע נאַכט און שוואַרצע פּלענער:
אין דעם הויז פון בן גמלאן
גרייט זיך איצט דער צד פון שלום
די קנאים צו באַפאַלן.

נאָר עס דרימלט ניט און שלאָפט ניט
יוחנן — דער וואַכער אויער.
די אֱדומישע קנאָים *
שטייען גרייט פאַר הילף ביים טויער.
זאָל די שעה פון מיטנאַכט שלאָגן,
וועט דער טויער זיך צעפּראַלן,
און די באַנדע פון פאַררעטער
אויפן שאַרף פון שווערד וועט פאַלן.

מיטנאַכט שעה איז אָנגעקומען,
שטורם ווערט אַלץ ווילד און ווילדער.
האָרך! עס טראָגט זיך קלאַנג פון שווערדן
און אַ מענטשלאַכער געפילדער.

---

* אדום — אַ פאָלק וואָס האָט אָנגענומען דעם אידישן גלויבן.

ס'איז די שוואַרצע נאַכט אַן עדות,
וואָס אין שטאָט איז פאָרגעקומען:
זיבן טויזנט פריינט פון רוימער
אינ'ם שטורם אומגעקומען.

און אַז שטורם האָט געשטילט זיך,
האָט דער טאָג גענומען בלאַסן,
האָבן טויזנטער הרוגים
זיך געוואַלגערט אויף די גאַסן.
און באַם סאַמע שוועל פון פּאַלאַץ,
אָפּגעזונדערט ווייט פון אַלע —
איז מיט שווערד אין האַרץ געלעגן
יהושע בן גמלא.



ט

ווי דער שיף, וואָס מוז אין שטורם
פון צוויי קעפּ געדרודערט ווערן,
צווישן איינעם און דעם צווייטן
וועט דער ים די שיף צעשטערן.
ווי דעם לאַנד אין שווערע צייטן
מיט צוויי פירער בײַ דעם רודער —
בײַ דעם ערשטן פונק פון קנאה
שטעלט זיך ברודער קעגן ברודער.

ניסט פֿאַרמיטן האָט יהודה
אָט דעם ביטערן נסיון —
אין דער טיף פֿון יעדן מענטשן
טוט דער וואָלף פֿון קנאה וואָיען.
שטעלט זיך יוחנן פֿאַרביסן
קעגן שמעון בר גיורא,
צוויי גבורים מיט איין שוואַכקייט —
יעדער איינער וויל די בכורה . . . .

און ווי סאַמע ערגסטע שונאים
קעמפֿן יוחנן און שמעון
און דער צאָרן פֿון פֿאַרוויסטונג
ברענט און הערט ניט אויף צו גרימען.

גיסט זיך אייגן בלוט ווי וואַסער
און עס ברענען אוצרות שפּייזן —
דאָך זיי בלייבן איינגעעקשנט
און זיי שטייען שטאָל און אייזן.

נאָר ווען ערשטער קלאַפּ פון רוימער
האָט דערהערט זיך אין דעם טויער,
האָבן ביידע פריד געשלאָסן
אויף דער וואַך פון פעסטונגס מויער.
האָבן ביידע זיך פאַראייניקט
קעגן רוימישע חילות
און געבראַכט אין שונאס לאַגער
שווערע פינצטערע מפּלות.

טאָג ווי נאַכט דורך לאַנגע וואָכן
קלינגט די האַק פון רוימערס בויער,
וואַקסן שטורם־בעק און שליידערס,
גרייט צו שטורעמען די מויער.
נאָר די שטאָט ירושלים
ווייסט קיין רוען און קיין שלאָפן,
יעדע ברוסט און יעדער אָרעם
איז אין פאַנצער און אין וואָפן.

אונטער ד׳ערד ווי די מוראַשקעס
שוויבלען אידן פון באַגינען —
דאָרטן ווערט אַ הייל געגראָבן
אונטער רוימישע מאַשינען.

גרויזאַם סטאַרטשען רוימס צעשטערער —
וואַרפן אַן אַ שרעק אַ שטומען,
נאָר פון אונטן וואַקסט דער אָפּגרונט —
וואַקסט און וואַרט די שעה זאָל קומען...

לעצטע נאַכט פאַר רוימס אַטאַקע —
אַזאַ וואַרטונג אַ געשפּאַנטע!
סאַראַ סודות האָט דער שונא?
סאַראַ פּלענער אומבאַקאַנטע?
לאַנגזאַם רוקט זיך דער באַגינען,
פּלוצלונג — קראַך און קראַך אויף מיילן!
האָט די ערד געפּלאַצט אויף שטיקלאַך?
צי דער הימל שיסט מיט פיילן?

אויפגעשוידערט האָבן רוימער
אין דער מאָרגן-שעה דער גרויער.
אויף זיין פערד — אויף טויט דערשראָקן —
טראָגט זיך טיטוס צו דער מויער.

און פון גרויען מאָרגן-נעפל
איז אַ בילד אַרויסגעשפרונגען:
כ'האָט די ערד דאָס מויל געעפנט —
און די שטורם-בעק פאַרשלונגען.
פרייד און יובל אויף דער מויער,
באַ דעם שונא קריץ פון ציינער,
און צעטומלונג יאָגט זיך טיטוס
אונטער רייץ-געשריי און שטיינער.

— נאָר דער רוימער ווייסט קיין אָפּשטעל
מעג דאָס בלוט ווי טייכן רינען,
אונטער האָגלענדיקע פיילן
וואַקסן ווידער אוים מאַשינען.
און ווען ערשטער קנאַל פון רוימער
האָט אַ וויג געטאָן די מויער,
האָט די שטאָט ירושלים
איינגעוויקלט זיך אין טרויער.

— האָבן קעמפער וואָרט געגעבן
ס'זאָל דעם רוימער קאָסטן טייער,
זאָלן זיינע בעסטע רייען
אומקומען אין בלוט און פייער.

ווי די כוואַליעס אין אַ שטורם
קומפן רוימס מושטירטע רייען,
צען מאָל שטורמיש קעמפט יהודה
פאַר איר לעבן און געדייען.

יעדע רוימישע אַטאַקע
ווערט מיט קראַפט צוריקגעשמיסן,
די געשמידסטע ענגסטע רייען —
שנעל צעפיצלט און צעריסן.
האָגלען שטיינער פון דער פעסטונג
אויף די רוימישע מאַשינען,
טויזנט לעבנס קאָסט די רוימער
יעדער שפּאַן וואָס זיי געווינען.

קעמפן אידישע גבורים —
יעדער איינער קעגן הונדערט,
קוקן גלייך דעם טויט אין פנים,
אַזש דער שונא ווערט פאַרוואונדערט.

י

נאָר פאַראַן אַ האַנט אַ שוואַרצע,
וואָס איז טויטלאַכער פון וואָפן,
ווי דעם פאָלק אין זיין געראַנגל —
פון דער שווארצער האנט געטראָפן.
קעניג הונגער האָט גענידערט,
און אָן פיילן און אָן שפּיזן
— אויסגעשטיקט יהודהס בראווסטע —
דאָס וואָס רוים האָט ניט באוויזן.

אויף די גאַסן, אויף די מאַרקן,
פאַלן מענטשן ווי די פליגן,
אויסגעדאַרטע, אויסגעקוואַרטע
צאַנקען קינדער אין די וויגן.
און דער הונגער ווייסט קיין חילוק —
אַלע, אַלע זיינען גלייכע,
פון די ביטערסטע אביונים,
ביז די יחוסדיקע רייכע...

הונדערט דינער האָט דאָך מָרתא,
און חדרים ניט צו ציילן,
און פאַרפלייצט מיט גאָלד און זילבער —
טויזנט מענטשן צו באַטיילן.

טאָ פאַרוואָס איז געל דאָס פּנים
און די אויגן איינגעפאַלן
ביי דער יונגינקער אלמנה
פון יהושע בן גמלא?

וואָס זשע לויפן איצט די דינער
איבער מאַרקן, איבער הויפן?
קאָן דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער
איצט קיין שטיקל ברויט נים קויפן?
און זי שיקט איר טרייסטן דינער,
און זי גיט אים אַ פאַרמעגן,
זאָל ער זוכן אויף די מאַרקן,
זאָל ער גיין אויף אַלע וועגן.

אויסגעגאַנגען איז אין שפּייכלער
פון דעם מעל דאָס לעצטע ביסל.
זאָל ער פאַר דעם פּרייז דעם העכסטן —
קויפן זעמל־מעל אַ שיסל.
ליידיק קומט אהיים דער דינער:
זעמל־מעל איז נישט צו קריגן.
פּראָסטע ווייצן־מעל פאַרבליבן,
איז דער פּרייז צו גאָלד געשטיגן.

— גיי און קריג דאָס פּראָסטע ווייצנס,
צאָל דעם פּרייז, וואָס זיי פאַרלאַנגען!
ליידיק קומט אַהיים דער דינער:
— ס'איז דאָס ווייצנס אויסגעגאַנגען.

קאָרן שוואַרצער איז פאַרבליבן,
מיאוס אין מויל אַריין צו נעמען.
— לויף און קריג דעם שוואַרצן קאָרן,
זאָל דער הונגער מיך ניט קלעמען.

* * *

שוין נישטאָ קיין שוואַרצער קאָרן,
שוין נישטאָ קיין זאַך צו קויפן,
קראַנק געשוואָלענע פון הונגער
ליגן מענטשן אויף די הויפן.

און אליין די קראַנקע מָרתא
מיטן פּנים מיטן בלאַסן,
קריכט אַרום אויף אַלע מאַרקן,
שלעפט זיך אום אין אַלע גאַסן.

אפשר וועט זי פאָרט געפינען
כאַטש אַביינדל, כאַטש אַ ברעקל,
איידלע מרתא האָט פארלוירן
יעדן מינדסטן פונק פון עקל...
און אין מיטן פון די מאַרקן,
אויף אַ בערגל מיסט אַ קליינעם,
אויסגעגאַן אַזוי איז מרתא,
ניט באַוויינט פון קיינעם, קיינעם.

יא

שטאַרקער קנאַלן רוימס מאַשינען,
קראַכט אַ טורם נאָך אַ טורם,
מיט פאַרקלעמטע ציין און פויסטן
שטייט יהודה קעגן שטורם.
ברענט דער הונגער אין די אויגן,
און די פרייהייט ברענט אין האַרצן.
נאָר קיין רעטונג איז ניטאָ מער
פון דעם בייזן סוף דעם שוואַרצן.

כ'לעצטע וואָרט פון רוימס מחבלים:
לעצטע פעסטונג איז געפאַלן,
אין א ים פון רויך און פלאמען
באָדן זיך דעם טעמפלס זאַלן...

* *
*

און אין טעמפל אין א ווינקל —
ווייט אוועק פון מענטשנס אויגן,
האָט בר־קמצא זיך צערעכנט —
און א שטריק אויף זיך פארצויגן.

סוף